# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת שופטים, ד' אלול, אבות פרק א', שנת תשפ"ד לפ"ק — שנה 13, גליון 47 (665)


**זמנים (NYC)**

הדלקת הנרות.................7:00
מוצאי שב"ק....................8:30

**שיעורים כסדרן**

נ"ך...............................עמוס ו'-ז'
בבלי................בבא בתרא ע"ד
ירושלמי..........ראש השנה י"ח
תוספתא..................אהלות ג'
רמב"ם........פסולי המוקדשין א'

## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

כִּי תֵצֵא לַמִּלְחָמָה עַל אֹיְבֶךָ וְרָאִיתָ סוּס וָרֶכֶב עַם רַב מִמְּךָ לֹא תִירָא מֵהֶם. דִי אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַז וֶוען זֵיי גֵייעֶן אַרוֹיס אִין מִלְחָמָה, אוּן זֵיי זֶעהֶען וִוי דֶער פֵיינְט אִיז פִּיל מֶער אוּן שְׁטֶערְקֶער פוּן זֵיי, זָאלְן זֵיי נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן. דֶער כֹּהֵן מָשִׁיחַ מִלְחָמָה זָאלְן זִיךְ אוֹיפְשְׁטֶעלְן אוּן זָאגְן פַאר דִי אִידְן, "אִיר זָאלְט נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן דִי גוֹיִם, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֵייט מִיט אַייךְ, עֶר וֶועט אַייךְ הֶעלְפְן אוּן מִלְחָמָה הַאלְטְן פַאר אַייךְ". זָאגְן דֶערוֹיף דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (סוֹטָה מב.) דֶער כֹּהֵן מָשִׁיחַ מִלְחָמָה הָאט זֵיי אָנְגֶעזָאגְט זֵיי זָאלְן נִישְׁט וֶוערְן שְׁוַואךְ אוּן דֶערְשְׁרָאקְן פוּן דִי גֶערוּדֶער פוּן דִי מֶעכְטִיגֶע פֶערְד, פוּן דִי קוֹלוֹת פוּן זֵייעֶרֶע פַאנְצֶערְס וָואס קְלַאפְּן ווִילְד, פוּן דִי רַעַשׁ פוּן דִי שׁוֹפְרוֹת וָואס זֵיי בְּלָאזְן מִיט דֶעם הוֹיךְ, אוּן פוּן דִי מֶעכְטִיגֶע גֶעשְׁרֵייעֶן, נָאר זִיךְ הַאלְטְן שְׁטַארְק אוּן ווִיסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אוּנְז.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן ק"כ), אַזוֹי ווִי בַּיי אַ גַשְׁמִיוּת'דִיגֶע מִלְחָמָה, זוּכְט מֶען אַרַיין צוּ וַוארְפְן דֶעם שׂוֹנֵא אִין אַ פַּחַד, אוּן דוּרְךְ דֶעם אַנְטְלוֹיפְן זֵיי, אוּן מֶען דַארְף זִיךְ שְׁטַארְקְן נִישְׁט צוּ וֶוערְן דֶערְשְׁרָאקְן, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט דִי רוּחֲנִיוּת'דִיגֶע מִלְחָמָה, דֶער יֵצֶר הָרָע זוּכְט אַרַיין צוּ וַוארְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל וֶוערְן שְׁוַואךְ אוּן דֶערְשְׁרָאקְן, אוּן דָאס אִיז דֶער נִסָּיוֹן פוּנֶעם מִלְחָמָה, אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט שְׁוַואךְ וֶוערְן, נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן, זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן אוּן נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן פוּן דֶעם, נָאר וַוארְטְן אוֹיף אַ יְשׁוּעָה. נִישְׁט אַוֶועק צוּ גֵיין, נִישְׁט אַנְטְלוֹיפְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן חַס וְשָׁלוֹם.

אַפִילוּ עֶס קוּקְט אוֹיס אַזוֹי מָאדְנֶע אַז אִיךְ זָאל נָאךְ קֶענֶען זוֹכֶה זַיין צוּ קְדוּשָּׁה אוּן וֶוערְן אַ צַדִּיק, אִיךְ שְׁפִּיר ווִי אִיךְ בִּין שׁוֹין אַ פַארְפַאלֶענֶער, אִיךְ קֶען נִישְׁט, קֵיינֶער דַארְף מִיךְ נִישְׁט, מֶען הֶערְט מִיךְ נִישְׁט אוֹיס, אִיךְ שְׁפִּיר ווִי אִיךְ טַאפּ אַ וַואנְט, אִיךְ שְׁפִּיר ווִי אִיךְ גֵיי אִין דִי פִינְסְטֶער, ווִיפִיל אִיךְ פְּרוּבִּיר גֵייט עֶס מִיךְ נִישְׁט. אִיךְ ווִיל זַיין אַ פָּשׁוּטֶ'ער אִיד, אִיךְ ווִיל לֶערְנֶען, אִיךְ ווִיל דַאוְוענֶען, אִיךְ מַאךְ יֶעדְן טָאג אָפּ פוּן פְרִישׁ צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, צוּ זַיין וואוֹיל, אוּן עֶס גֵייט מִיךְ נִישְׁט. זָאגְט אָבֶּער דֶער רֶבִּי: לָאז נִישְׁט אָפּ דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, לָאז נִישְׁט אָפּ דַיין רָצוֹן צוּ זַיין גוּט, גֵיי יֶעדְן טָאג הִתְבּוֹדְדוּת, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד", "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ ווִיל אוֹיךְ דַאוְוענֶען, אִיךְ ווִיל אוֹיךְ לֶערְנֶען, אִיךְ ווִיל אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַ צַדִּיק, אִיךְ ווִיל אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע קְדֻשּׁוֹת", וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן דוּ וֶועסְט צוּם סוֹף זוֹכֶה זַיין צוּ קְדוּשָּׁה.

מֶען זֶעט בַּיי 'גַשְׁמִיוּת' אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי שְׁנֶעל מְיַיאֵשׁ, אַפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ הָאט פְּרוּבִּירְט אֵיין מָאל צוּ מַאכְן אַ גֶעשֶׁעפְט אוּן עֶס אִיז נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען, וֶועט עֶר זוּכְן צוּ מַאכְן אַ צְוֵייטֶע סָארְט גֶעשֶׁעפְט, אָבֶּער וֶוען עֶס קוּמְט צוּ 'רוּחָנִיוּת' טְרַאכְט דֶער מֶענְטְשׁ: 'נֶע, עֶס אִיז נִישְׁט פַאר מִיר, עֶס אִיז נָאר גֶעמַאכְט פַאר חָשׁוּבֶ'ע אִידְן...' פַארְוָואס זָאלְסְטוּ דָאס זָאגְן?! קֶענְסְט אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן בֶּענְק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער רֶבִּי הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן מח), אַז אַלֶע גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים זֶענֶען אַרִיבֶּער דִי זֶעלְבֶּע אוּן נָאךְ מֶער שְׁוֶועריִקֵייטְן, עֶס הָאט זֵיי אוֹיךְ אוֹיסְגֶעזֶען ווִי קֵיינֶער קוּקְט נִישְׁט אוֹיף זֵייעֶר זַייט אוּן זֵיי וֶועלְן שׁוֹין קֵיינְמָאל נִישְׁט זַיין קֵיין עֶרְלִיכֶע אִידְן, זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען אַז זֵיי מוּטְשֶׁען זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶס רוּקְט זִיךְ גָארְנִישְׁט צוּם גוּטְן, אוּן נָאר וַוייל זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעהַאלְטְן שְׁטַארְק אוּן פְּרוּבִּירְט נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, נָאר אַזוֹי הָאבְּן זֵיי מַצְלִיחַ גֶעוֶוען צוּ וֶוערְן גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים. אוֹיף אַלֶע צַדִּיקִים אִיז אִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען וָואס אִיז אִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען, אוּן נָאר וַוייל זֵיי הָאבְּן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן זֶענֶען זֵיי צוּגֶעקוּמֶען צוּ זֵייעֶרֶע מַדְרֵיגוֹת.

אַ מֶענְטְשׁ מוּז זִיךְ שְׁטַארְקְן, אַפִילוּ דֶער יֵצֶר הָרָע קוּמְט נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, וֶועל אִיךְ זִיךְ אוֹיפְהֵייבְּן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל. וֶוען צְוֵויי מֶענְטְשְׁן קְרִיגְן זִיךְ, מֶען שְׁלָאגְט זִיךְ אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, וֶוער אִיז דֶער גֶעווִינֶער? דֶער וָואס גֶעבְּט דֶעם לֶעצְטְן פַּאטְשׁ; אַז אִיךְ הָאבּ גֶעכַאפְּט אַ פַּאטְשׁ פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע, עֶס אִיז אִים גֶעלוּנְגֶען מִיךְ אַרָאפּ צוּ וַוארְפְן, אִיךְ הָאבּ פּוֹגֵם וָואס אִיךְ הָאבּ פּוֹגֵם גֶעוֶוען, אִיךְ בִּין דוּרְכְגֶעפַאלְן וואוּ אִיךְ בִּין דוּרְכְגֶעפַאלְן, וֶועל אִיךְ אִים צוּרִיק גֶעבְּן אַ פַּאטְשׁ, אִיךְ וֶועל זִיךְ נָאכְאַמָאל אוֹיפְהֵייבְּן, זָאל זַיין וָואס עֶס זָאל זַיין.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַז אִין זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן הָאט עֶר גֶעמַאכְט "טוֹיזְנְט הַתְחָלוֹת אִין אֵיין טָאג", הַלְוַאי זָאלְן מִיר כָּאטְשׁ אֵיין מָאל אַ טָאג זִיךְ נָאכְאַמָאל בַּאנֵייעֶן, נָאכְאַמָאל אָפְּמַאכְן צוּ וֶועלְן זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, נָאכְאַמָאל וֶועלְן אִינְזִינֶען הָאבְּן דָאס דַאוְוענֶען, נָאכְאַמָאל וֶועלְן הִיטְן דִי אוֹיגְן, אוּן נִישְׁט טְרַאכְטְן 'נֶע עֶס אִיז נִישְׁט פַאר מִיר', - נָאר עֶס אִיז יָא פַאר מִיר! אִיךְ גֵיי נָאכְאַמָאל וֶועלְן זַיין אַ צַדִּיק, אִיךְ גֵיי נָאכְאַמָאל זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן, אִיךְ גֵיי נָאכְאַמָאל וֶועלְן, אִיךְ גֵיי נָאכְאַמָאל בֶּענְקֶען דִיךְ צוּ דִינֶען אַפִילוּ עֶס גֵייט מִיר נִישְׁט, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן מֶען וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים. (אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל, שׁוֹפְטִים תשפ"ב)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### יְמֵי הָרַחֲמִים וְהָרָצוֹן

עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן הֵיילִיגְן אֲרִ"י הַקָדוֹשׁ אַז דִי פֶערְצִיג טֶעג פוּן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֶלוּל בִּיז נָאךְ יוֹם כִּיפּוּר, אִיז דָא דֶעמָאלְט אַזַא גְרוֹיסֶע עֵת רָצוֹן אִין הִימְל, דִי זֶעלְבֶּע ווִי וֶוען מֶען עֶפֶענְט אוֹיף דֶעם אָרוֹן קוֹדֶשׁ, וָואס דֶעמָאלְט אִיז בַּאקַאנְט אַז עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע עֵת רָצוֹן וָואס מֶען קֶען אַלֶעס אוֹיסְ'פּוֹעֶלְ'ן בְּרוּחֲנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת, דִי זֶעלְבֶּע עֵת רָצוֹן אִיז אוֹיךְ דָא אִין דִי גַאנְצֶע פֶערְצִיג טֶעג. וֶוער עֶס הָאט שֵׂכֶל נוּצְט אוֹיס דִי טֶעג מִיט אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט עֶר זִיכֶער פּוֹעֶלְ'ן גָאר גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

#### עֶס אִיז נִישְׁט דָא גֶענוּג צַייט

דֶער אֱמֶת אִיז אַז וֶוען מֶען מַאכְט אַ חֶשְׁבּוֹן מִיט יִשּׁוּב הַדַעַת, זֶעט מֶען אַז עֶס אִיז נִישְׁט גֶענוּג דִי גַאנְצֶע חוֹדֶשׁ אֶלוּל צוּ קֶענֶען עֶנְדִיגְן דִי פִילֶע שִׁיעוּרִים וָואס אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פְלֶעגְן הָאבְּן אִין דֶעם חוֹדֶשׁ. וֶוער עֶס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן פְּרוּבִּירְט אַרַיינְצוּכַאפְּן אִין דֶעם חוֹדֶשׁ צוּ עֶנְדִיגְן גַאנְץ תַּנַ"ךְ, אַלֶע רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, תִּיקוּנֵי זֹהַר, שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, הֲלָכוֹת פוּן דִי יָמִים נוֹרָאִים, אוּן נָאךְ אוּן נָאךְ, אוּן דָאס אִיז שׁוֹין אוֹיסֶער דִי אַלֶע שִׁיעוּרִים וָואס מֶען הָאט שׁוֹין פוּן אַ גַאנְץ יָאר, אִיז ווִי בְּלַייבְּט נָאךְ אִיבֶּער עֶפֶּעס צַייט צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען דֶעם חוֹדֶשׁ?

מֶען זֶעט אַז אֲפִילוּ אִין דִי פְלֶעצֶער וואוּ עֶס

<<<<<<

## א גוט ווארט

וִויסְן זָאלְט אִיר, וֶוען מֶען ווִיל מַאכְן שָׁלוֹם, אוּן זִיכֶער שָׁלוֹם צְווִישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ - פַארְלַאנְגְט מֶען פוּן דֶעם וָואס אִיז יֶעצְט אִין מוֹחִין דְגַדְלוּת זָאל אַיינְגֶעבְּן פַאר דֶער וָואס אִיז בְּקַטְנוּת הַמּוֹחִין, דָאס אִיז אַ ווִיכְטִיגֶע כְּלַל וֶוען מֶען ווִיל שָׁלוֹם מַאכְן צְווִישְׁן שְׁכֵנִים, חֲבֵרִים, מִשְׁפָּחָה, אוּן זִיכֶער בַּיי מַאן אוּן וַוייבּ; מֶען קוּקְט נִישְׁט וֶוער עֶס אִיז גֶערֶעכְט, נָאר אוֹיבּ אִיז דֶער מַאן אִין אַ קַטְנוּת הַדַעַת, אֲפִילוּ עֶר אִיז נִישְׁט גֶערֶעכְט - דַארְף מֶען מְחַזֵק זַיין דִי וַוייבּ זִי זָאל אַיינְגֶעבְּן, כְּדֵי עֶס זָאל וֶוערְן שָׁלוֹם.
יֶעצְט אִיז עֶר בְּקַטְנוּת הַדַעַת דַארְף מֶען אִיר מְחַזֵק זַיין זִי זָאל הָאבְּן סַבְלָנוּת אוּן מִיט תְּפִילָה וֶועט עֶר אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין קַטְנוּת. (עֲצָתוֹ אֱמוּנָה רְאֵה תשפ"ד)

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# בְּרֶענְט פַאר כַּעַס

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ה' פַּרְשַׁת עֵקֶב, י"ח מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

שְׁרֵיי נִישְׁט אוֹיף דַיינֶע קִינְדֶער אוּן זִיכֶער נִישְׁט שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (תִּיקוּנֵי זוֹהַר תִּיקּוּן מַ"ח, פה ע"א) אוֹיפְן פָּסוּק (שְׁמוֹת לה, ג): "לֹא תְבַעֲרוּ אֵשׁ בְּכֹל מֹשְׁבֹתֵיכֶם בְּיוֹם הַשַּׁבָּת" זָאלְסְט נִישְׁט אָנְצִינְדְן אַ פֵייעֶר אִין שַׁבָּת, זָאגְט דֶער זוֹהַר נָאךְ אֵיין וָוארְט: 'אֵשׁ הַכַּעַס' צִינְד נִישְׁט אָן דִי כַּעַס אִין שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, רֶעג זִיךְ נִישְׁט אוֹיף אִין אַזַא הֵיילִיגֶע טָאג. דֶער זוֹהַר זָאגְט (תִּיקוּנֵי זוֹהַר תִּיקּוּן כד, סט ע"ב) שַׁבָּת אִיז דִי גֵיהִנוֹם אוֹיסְגֶעלָאשְׁן, אַלֶע נְשָׁמוֹת פוּן גֵיהִנוֹם רוּעֶן שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, אוֹיסֶער דֶער וָואס רֶעגְט זִיךְ אוֹיף; וַוייל מִיט זַיין כַּעַס צִינְדְט עֶר אָן דֶעם גֵיהִנוֹם אוּן עֶר וֶועט דַארְפְן זִיצְן שַׁבָּת אִין גֵיהִנוֹם רַחֲמָנָא לִצְלָן.

כַּעַס אִיז אַזוֹי גֶעפֶערְלִיךְ, דֶער אֲרִיזַ"ל זָאגְט (עַיֵּין שַׁעַר רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ דַּף ח ע"ב) אַלֶע עֲבֵירוֹת וָואס מֶען פַאלְט דוּרְךְ, קֶען מֶען פַארְרֶעכְטְן, אוֹיסֶער כַּעַס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ פַארְרֶעכְטְן, מֶען פַארְלִירְט דִי נְשָׁמָה אוּן עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער עֶס צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען, אוּן דָאס מַאכְט אַלֶע צָרוֹת, אוּן אַז מֶען זָאל לַיידְן.

בֶּעט דִי תְּפִילָה יֶעדְן טָאג:

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם רַאטֶעוֶוע מִיךְ פוּן כַּעַס, רַאטֶעוֶוע מִיךְ פוּן זַיין נֶערְוֶועז אוּן פוּן מַקְפִּיד זַיין אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, וּבִפְרַט וֶוען מַיינֶע קִינְדֶער טַאנְצְן אוּן שְׁפְּרִינְגֶען, זֵיי דְרֵייעֶן אִיבֶּער דִי שְׁטוּבּ - זָאל אִיךְ זִיךְ קֶענֶען אַיינְהַאלְטְן אוּן נִישְׁט וֶוערְן בְּכַּעַס, אוּן אוֹיבּ חַס וְשָׁלוֹם אִיךְ וֶועל זִיךְ יָא אוֹיפְרֶעגְן זָאל אִיךְ זֵיי נִישְׁט רַצְחְ'עֶנֶען, אִיךְ זָאל נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ שְׁלָאגְן, שְׁרֵייעֶן וְכַדוֹמֶה.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער רַאטֶעוֶוע מִיךְ פוּן עֲבוֹדָה זָרָה. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קה:) וֶוער עֶס רֶעגְט זִיךְ אוֹיף - אִיז דָאס אַזוֹי וִוי עֶר דִינְט עֲבוֹדָה זָרָה, אִיךְ זָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן דִיר, אִיךְ זָאל גֶעדֶענְקֶען אַז אַלֶעס בִּיסְטוּ, אַזוֹי וֶועל אִיךְ זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן.

אָנָּא הַשֵּׁם אִיךְ הָאבּ שׁוֹין פְּרוּבִּירְט אַזוֹיפִיל מָאל צוּ בְּלַייבְּן רוּאִיג אוּן נִישְׁט וֶוערְן בְּכַּעַס, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעמַאכְט אַזוֹיפִיל הַתְחָלוֹת אוּן בַּיים סוֹף פַארְלִיר אִיךְ זִיךְ אוּן אִיךְ וֶוער נָאכְאַמָאל אִין כַּעַס, עֶס צִינְדְט זִיךְ אָן אִין מִיר אַ שְׁלֶעכְטֶע פֵייעֶר, דִי פֵייעֶר פוּן גֵיהִנוֹם, אוּן אִיךְ וֶוער מְשׁוּגָע; אִיךְ שְׁרֵיי, אִיךְ שְׁלָאג, אִיךְ צֶעבְרֶעךְ; בֶּעט אִיךְ דִיר, רַאטֶעוֶוע מִיךְ אִיךְ זָאל קֶענֶען אִינְגַאנְצְן אוֹיסְרַייסְן דִי שְׁלֶעכְטֶע מִדָּה פוּן כַּעַס, אוּן מֶער קֵיינְמָאל נִישְׁט זַיין קֵיין קַפְּדָן, מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם אָמֵן סֶלָה".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה עֵקֶב תשפ"ד)

## סֵפֶר הַמִּדּוֹת תְּפִלָּה

ו. הַמִּתְפַּלֵּל עַל חֲבֵרוֹ, וְהוּא צָרִיךְ לְאוֹתוֹ דָּבָר, הוּא נַעֲנֶה תְּחִלָּה. וֶוער עֶס בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר זַיין חַבֶר, אוּן עֶר אַלֵיין דַארְף אוֹיךְ הָאבְּן דִי זַאךְ, וֶועט עֶר נָאךְ פְרִיעֶר גֶעהָאלְפְן וֶוערְן.

ז. מִי שֶׁדַּעְתּוֹ שְׁפֵלָה עָלָיו, אֵין תְּפִלָּתוֹ נִמְאֶסֶת. וֶוער עֶס הַאלְט זִיךְ קְלֵיין, וֶועט זַיין תְּפִלָּה נִישְׁט פַארְ'מִיאוּסְ'ט וֶוערְן.

<<<<<< מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

אִיז נִישְׁט אַיינְגֶעפִירְט צוּ זָאגְן "יוֹם כִּיפּוּר קָטָן" יֶעדְן עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ, זָאגְט מֶען עֶס אָבֶּער אִיבֶּערָאל עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, וַוייל וֶוען עֶס קוּמְט חוֹדֶשׁ אֱלוּל בַּאקוּמְט יֶעדֶער אִיד אַ הִרְהוּר תְּשׁוּבָה, יֶעדֶער וִויל תְּשׁוּבָה טוּהן אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

### אַל תִּפְנוּ אֶל הָאֱלִילִים

עֶס דְרֵייט זִיךְ אַרוּם אַ טַייטְשׁ וָואס אֵיינֶער הָאט גֶעזָאגְט אוֹיפְ'ן פָּסוּק "אַל תִּפְנוּ אֶל הָאֱלִילִים", אַז מֶען זָאל נִישְׁט מַאכְן קַיין גְרוֹיסֶע עֵסֶק פוּן חוֹדֶשׁ אֱלוּל. דָאס טָאר נִישְׁט מֶען זָאגְן, אַזַא טֵייעֶרֶע חוֹדֶשׁ וָואס אִיז אֵייבִּיג גֶעוֶוען אָנְגֶענוּמֶען בַּיי כְּלַל יִשְׂרָאֵל אַלְס אַ צַייט פוּן תְּשׁוּבָה אוּן זִיךְ פַארְבֶּעסֶערְן דִי מַעֲשִׂים, קֶען מֶען עֶס נִישְׁט אַוֶועק מַאכְן מִיט אַ וֶוערְטְל.

אַנְדֶערֶע הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז דֶער טַייטְשׁ גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דֶעם וָואס גֶעוִויסֶע ווִילְן אַיינְפִירְן אַ נֵייעֶ מִנְהָג אַז מֶען מַאכְט נִישְׁט חֲתוּנָה אִין חוֹדֶשׁ אֱלוּל, אוֹיף דֶעם אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן אַז מֶען זָאל נִישְׁט מַאכְן קַיין עֵסֶק פוּן חוֹדֶשׁ אֱלוּל. דָאס קֶען שׁוֹין יָא זַיין אֱמֶת, אַזַא מִנְהָג שְׁטֵייט נִישְׁט אִין עֶרְגֶעץ, עֶס אִיז קֶעגְן דִי הֲלָכָה אוּן קֶעגְן שֻׁלְחָן עָרוּךְ, עֶס וֶוערְט נִישְׁט דֶערְמַאנְט אִין קַיין שׁוּם פּוֹסֵק אַז מֶען זָאל נִישְׁט חֲתוּנָה מַאכְן חוֹדֶשׁ אֱלוּל. פּוּנְקְט פַארְקֶערְט, דֶער חוֹדֶשׁ אִיז מְסוּגָל פַאר אַלֶעס, אוּן אוֹיךְ פַאר חֲתוּנָה מַאכְן.

וואוּיל אִיז פַאר דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס נוּצְט אוֹיס דֶעם חוֹדֶשׁ וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, מִיט אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיט אַסַאךְ לֶערְנֶען תּוֹרָה. אַוַודַאי דַארְף מֶען הִתְחַזְּקוּת אוֹיף דֶעם אוֹיךְ, וַוייל אַסַאךְ מָאל נֶעמְט מֶען זִיךְ אוּנְטֶער צוּ עֶנְדִיגְן אַסַאךְ שִׁיעוּרִים אִין חוֹדֶשׁ אֱלוּל, אוּן דֶערְנָאךְ קוּמְט מֶען נִישְׁט אָן עֶס צוּ עֶנְדִיגְן אִינְגַאנְצְן, דַארְף מֶען וִויסְן אַז אוֹיבּ מֶען הָאט עֶס נִישְׁט גֶעעֶנְדִיגְט חוֹדֶשׁ אֱלוּל קֶען מֶען עֶס נָאךְ מַשְׁלִים זַיין בִּיז שְׂמְחַת תּוֹרָה, אוּן אוֹיבּ מֶען הָאט עֶס נִישְׁט גֶעעֶנְדִיגְט בִּיז שְׂמְחַת תּוֹרָה קֶען מֶען נָאךְ מַשְׁלִים זַיין בִּיז זֹאת חֲנוּכָּה וָואס אִיז נָאךְ אַ הֶמְשֵׁךְ פוּן דִי יָמִים נוֹרָאִים, אַזוֹי וִוי דִי סְפָרִים הַקְּדוֹשִׁים שְׁרַייבְּן, מֶען טָאר אָבֶּער נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ.

דֶער עִיקָר דַארְף מֶען גֶעדֶענְקְן אוֹיסְצוּנִיצְן דִי טֶעג, אוּן נִישְׁט אָנְבְּרֶענְגֶען דִי טֵייעֶרֶע צַייט, אוּן אַזוֹי וֶועט מֶען הָאבְּן אַ גוּטֶע רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז גוּט וֶועט קוּמֶען אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע יָאר פוּל מִיט אַלֶע גוּטֶע זַאכְן בְּגַשְׁמִיּוּת וּבְרוּחְנִיּוּת.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ב' וְחֵלֶק ט"ז עֶרֶךְ אֱלוּל)

## שְׁמוּעֶסְן אוּן גֶעדַאנְקֶען

דֶער עִיקָר אַרְבֶּעט דַארְף אַ אִיד אַרַיינְלֵייגְן אִין "אֲרִיכַת אַפַּיִם", צוּ זַיין רוּאִיג אוּן גֶעדוּלְדִיג, נִישְׁט וֶוערְן אוֹיפְגֶערֶעגְט אוּן נִישְׁט אַרַיינְפַאלְן אִין כַּעַס.

כָאטְשׁ וָואס עֶס זֶענֶען דָא פִילֶע סָארְטְן שְׁלֶעכְטֶע מִדּוֹת אוֹיף דֶער וֶועלְט, דַארְף אָבֶּער אַ מֶענְטְשׁ דָאס מֶערְסְטֶע אַרְבֶּעטְן אוֹיף דִי מִדָּה פוּן סַבְלָנוּת, עֶס אִיז נִישְׁטָא קֵיין בֶּעסֶערֶע אוּן שֶׁענֶערֶע מִדָּה פוּן דֶעם.

דִי נַאטוּר פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אִיז צוּ וֶוערְן שְׁנֶעל נֶערְוֶועז, וֶועגְן אוֹיפְגֶערֶעגְט, זִיךְ בֵּייזֶערְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ; אוּן דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען אַסַאךְ אַרְבֶּעטְן אוֹיף דִי נְקוּדָה, צוּ הָאבְּן סַבְלָנוּת, זִיךְ הַאלְטְן רוּאִיג, אוּן קֵיינְמָאל נִישְׁט וֶוערְן אִין כַּעַס.

(אִמְרֵי מוֹהֲרָא"שׁ, חֵלֶק א', סִימָן ה')

מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ וֶוערְט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען בִּשְׁלֵימוּת אִין דִי וֶועלְט דִי מִדָּה פוּן "אֶרֶךְ אַפַּיִם", דִי טֵייעֶרֶע מִדָּה פוּן סַבְלָנוּת, קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּ זַיין אוֹיפְגֶערֶעגְט אוּן בֵּייז אוֹיף קֵיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן זִיכֶער נִישְׁט אִינְדֶערְהֵיים אוֹיף דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער.

עֶס קֶען זִיךְ דַאכְטְן אַז עֶס אִיז גָאר גְרִינְג צוּצוּקוּמֶען צוּ דֶעם, פַאקְטִישׁ אִיז עֶס אָבֶּער דִי שְׁוֶוערְסְטֶע זַאךְ, אַ מֶענְטְשׁ וֶועט פוּן נַאטוּר אוֹיס זִיךְ זֵייעֶר שְׁנֶעל אוֹיפְרֶעגְן וֶוען מֶען רִירְט אִים נָאר אָן, אוּן דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען אַסַאךְ אַרְבֶּעטְן אָנְצוּקוּמֶען צוּ דִי גֶעוַואלְדִיגֶע מִדָּה פוּן סַבְלָנוּת.

(אִמְרֵי מוֹהֲרָא"שׁ, חֵלֶק א', סִימָן ו')

# די לעבּנסגעשיכטע פון הייליגן רבּי'ן (קעג)

**אין קורצן פון פריער: דאס קינד שלמה אפרים ווערט נסתלק, און דער רבּי בלייבט אויף שבּת אין א דערפל נעבּן ברסלב, אינאיינעם מיט ר' חיים שרה'ס.**

דער אברהם פּייעס איז געווען א גרויסער עושר, אבער ער איז ליידער געווען זייער מגושמ'ער מענטש און א גרויסער בּעל עבירה רחמנא ליצלן. שפּעטער האט ער זוכה געווען געוואויר צו ווערן פון הייליגן רבּי'ן, ער איז געקומען צום רבּי'ן און געוויינט מיט בּכיות עצומות אז ער דארף א תּיקון. דער רבּי האט אים דעמאלט געזאגט, "נישט יעצט". ער האט זיך אנגעהויבּן אסאך דרייען בּיים הייליגן רבּי'ן, און ער איז געווארן א בּעל תּשובה.

פון די גרויסע נסיונות וואס ער האט אבער געהאט, פלעגט ער נעבעך אלץ צוריקפאלן צו זיינע שווערע עבירות רחמנא ליצלן, און ער האט געמיינט אז דער רבּי ווייסט נישט פון זיינע שלעכטע מעשים.

איינמאל איז ער געקומען צום רבּי'ן, און דער רבּי האט אים געזאגט, "אברעמל, נעם א רובּל און גיי געבּ עס פאר'ן בּעדער, ווייל אזוי ווי דער בּעדער איז אזוי ארעם, צוקריגט ער זיך אלץ מיט זיין ווייבּ, און דערנאך פאלן זיי אריין אין עבירות רחמנא ליצלן". ער איז טאקע גלייך געגאנגען זיי געבּן דאס געלט, און דאס האט געמאכט דארט שלום אין שטובּ, אבער בּשעת'ן צוריק גיין האט ער געטראכט צו זיך, 'אויבּ ווייסט דער רבּי וואס טוט זיך צווישן דעם בּעדער און זיין ווייבּ, ווייסט ער דאך זיכער פון מיינע שלעכטע מעשים', איז ער צוריק געגאנגען צום רבּי'ן און נאכאמאל געבּעטן א תּיקון, האט אים דער רבּי געזאגט, "עס אפּ א גוטן שלש סעודות, און נאכדעם וועסטו קומען צו מיר".

ער האט אזוי געטון, און דעם קומענדיגן שבּת קודש נאכ'ן עסן א בּרייטע שלש סעודות איז ער געקומען צום רבּי'ן, און דער רבּי האט אים געזאגט אז ער זאל פאסטן פון יעצט מוצאי שבּת קודש בּיז צום קומענדיגן שבּת.

ער איז אוועקגעגאנגען פון רבּי'ן מיט א געוואלדיגע שמחה אז ער וועט שוין יעצט זוכה זיין צו א תּיקון, ער

<<<<<<



## שאלות ותשובות ברסלב

# איך קען נישט מער, זאל איך אנטלויפן?

*שאלה:*

**לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,**

איך פיל ווי איך קען נישט מער, איך וויל ארויסטשעקן, איך גיי וואוינען אליין. איך האבּ זייער ליבּ מיין ווייבּ, אבער איך האבּ נישט קיין געלט צו צאלן די גראסערי, מיין אינגל גייט בּאקומען פּיאות, איך דארף קויפן ציצית און קאפל, און איך האבּ נישט קיין פרוטה. אפשר זאל איך וואוינען אליין?

**יישר כח**

*תשובה:*

**בּעזרת ה' יתבּרך**

יום ד' פּרשת עקב, י"ז מנחם-אב, שנת תשפ"ד לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך האבּ ערהאלטן דיין בּריוו.

מיין ליבּער בּרודער, מיין הארציגער חבר, נישטא וואו צו אנטלויפן, אין איין פלאץ קענסטו אנטלויפן: "אנטלויף צום אייבּערשטן"; גיי אין א ווינקל און וויין זיך אויס צום אייבּערשטן, בּעט אים פאר פּרנסה: **"רבּונו של עולם העלף מיר, איך דארף פּרנסה, איך האבּ נישט קיין געלט צו קויפן עסן פאר מיין ווייבּ און קינדער"**, נאר דאס וועט דיר העלפן.

הער א מעשה וואס האט פּאסירט בּיי רבּי נחמן טולטשינער זכרונו לברכה, אמאל איז געווען בּיי אים די מצבּ אזוי ווי בּיי דיר, זייער ענג, ער האט נישט געהאט צו געבּן פאר די קינדער קיין עסן, האט ער געטראכט ער וועט פארן קיין אדעסא וואו עס וואוינט זיין פּעטער א גרויסער גבּיר, דער פּעטער וועט אים זיכער ארויסהעלפן.

ער האט נישט געהאט קיין געלט צו דינגען א פערד און וואגן קיין אדעסא, האט ער זיך ארויסגעלאזט צופיס, ווען ער איז אנגעקומען קיין אדעסא, קלאפּט ער אריין צו זיין פּעטער, קומט איינער צום טיר און פרעגט: "ווער איז דארט?" ענטפערט ער: "נחמן פון טולטשין!" ער קומט אריין, דער פּעטער געבּט אים א קאלטע שלום עליכם, און זאגט אים: "אנטשולדיגט, איך קען נישט רעדן יעצט", און ער מאכט צו די טיר.

רבּי נחמן טולטשינער האט שיער גע'חלש'ט, ער איז געווארן זייער צעבּראכן, אויפן וועג אהיים האט ער זיך זייער צוואויינט צום אייבּערשטן און ער האט געזאגט: **"רבּונו של עולם, איך שעם זיך פון דיר פארוואס איך האבּ זיך פארלאזט אויף מיין רייכער פּעטער פון אדעסא און נישט אויף דיר, זיי מיר מוחל אייבּערשטער, העלף מיר אז איך זאל אייבּיג געדענקען אז נאר דו קענסט מיר העלפן, און איך זאל זיך נישט פארלאזן אויף קיינעם".**

שפּעטער האט ער דערציילט פאר זיין רבּי, רבּי נתן - די מעשה, זאגט אים רבּי נתן: "אז מען האט א צרה פארט מען קיין אדעסא?! אז מען האט א צרה פארט מען קיין אומאן צום הייליגן רבּינ'ס ציון און מען וויינט זיך אויס צום אייבּערשטן".

לויף נישט אוועק פון דיין ווייבּ און קינדער, אוועק לויפן וועט דיר נישט העלפן, דוד המלך זינגט אין תּהלים (תהלים קלט, ו-יב): "פּליאה דעת ממני נשגבה לא אוכל לה, אנה אלך מרוחך, ואנה מפּניך אברח", עס איז מיר א וואונדער ווי א מענטש קען טראכטן בּיי זיך אז ער קען אנטלויפן פונעם אייבּערשטן, "אם אסק שמים שם אתּה", ווייל אז איך וועל ארויפגיין אין הימל - בּיסטו דארט רבּונו של עולם, "ואציעה שאול הנך", אז איך וועל זיך בּאהאלטן אין תּהום - בּיסטו ווייטער דארט רבּונו של עולם, "אשא כנפי שחר אשכּנה בּאחרית ים, גם שם ידך תנחני ותאחזני ימינך", איך וועל אנטלויפן צו א ווייטע לאנד אריבּער דעם גרויסן ים - דארט בּיסטו אויך רבּונו של עולם, "ואמר אך חשך ישופני ולילה אור בּעדני, גם חשך לא יחשיך ממך, ולילה כּיום יאיר כּחשיכה כּאורה", איך וועל מיר בּאהאלטן אין די פינסטערניש - דארט בּיסטו אויך רבּונו של עולם, בּיי דיר איז נישט קיין חילוק צי עס איז טונקל צו ליכטיג; איז ווי קען מען זיך בּאהאלטן פונעם אייבּערשטן!?

נעם א תּהלים און זינג צום אייבּערשטן, דאנק אים פאר אלעס גוטס וואס ער טוט מיט דיר און אויך בּעט אים פאר א נס, פאר פּרנסה; וועסטו זען אז גרויסע ניסים וועט געשען.

**דער אייבּערשטער זאל העלפן זאלסט האבּן הצלחה אין אלע ענינים.**

**א כּתיבה וחתימה טובה, א גוט געבּענטשט יאר.**

(עצתו אמונה עקב תשפ"ד)

BreslevCenter.com\answers

>>>>>> לעבנ'ס געשיכטע פון רבי'ן

הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן פַּאסְטְן מִשַּׁבָּת לְשַׁבָּת, אָבֶער אִינְמִיטְן דִי וָואךְ אִיז עֶר זֵייעֶר שְׁוַואךְ גֶעוָוארְן, מַמָּשׁ בִּיז סַכָּנַת נְפָשׁוֹת. זַיין וַוייבּ הָאט זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן אוּן גֶערוּפְן אַ דָאקְטֶער, עֶר הָאט אָבֶער אוֹיסְגֶעדְרֵייט זַיין פָּנִים אוּן נִישְׁט גֶעוָואלְט קוּקְן אוֹיף אִים. זֵיי הָאבְּן גֶעמֵיינְט אַז עֶר אִיז מְשׁוּגָע גֶעוָוארְן רַחֲמָנָא לִיצְלָן, זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט אַרַיינְשְׁטוּפְּן עֶפֶּעס עֶסְן אִין זַיין מוֹיל, עֶר הָאט זִיךְ אָבֶער נִישְׁט גֶעלָאזְט בְּשׁוּם אוֹפָן. דֶערְנָאךְ אִיז עֶר גֶעוָוארְן נָאךְ שְׁוַואכֶער אוּן שְׁוַואכֶער בִּיז עֶר הָאט שׁוֹין מַמָּשׁ נִישְׁט גֶעקֶענְט גֵיין אוֹיף דִי פִּיס, עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן קְרִיכְן אוֹיף דִי הֶענְט אוּן פִּיס בִּיז עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן. גְלַייךְ בַּיים אָנְקוּמֶען הָאט דֶער רֶבִּי אִים דֶערְלַאנְגְט אַ קְלֵיין גְלֶעזְל אוּן עֶס אָנְגֶעגָאסְן מִיט אַבִּיסְל בְּרוֹינְפְן, אַזוֹי וִוי אַ הַאלְבֶּע פִינְגֶער, אוּן אִים גֶעזָאגְט, "מַאךְ אַ בְּרָכָה, אוּן טְרוּנְק", עֶר הָאט דָאס גֶעטְרוּנְקֶען, אוּן דֶערְנָאךְ הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, "יֶעצְט פַּאסְט וַוייטֶער!". דֶעמָאלְט אִיז אִים גֶעוָוארְן גְרִינְגֶער, אוּן עֶר הָאט פַאְרֶענְדִיגְט דִי גַאנְצֶע וָואךְ פַּאסְטְנְדִיגֶערְהֵייט. אוּן פוּן דֶעמָאלְט אָן אִיז עֶר גֶעוָוארְן אַ בַּעַל תְּשׁוּבָה גָמוּר פַאר זַיין גַאנְץ לֶעבְּן.

וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען אוֹיף יֶענֶעם שַׁבָּת אִינֶעם דֶערְפְל נֶעבְּן בְּרֶסְלֶב, אִינְמִיטְן דִי נַאכְט וֶוען ר' חַיִּים שָׂרָה'ס אִיז גֶעשְׁלָאפְן אִינֶעם זֶעלְבְּן הוֹיז וִוי דֶער רֶבִּי, הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי אוֹיפְגֶעוֶועקְט אִינְמִיטְן שְׁלָאפְן מִיט אַ גְרוֹיסֶע בֶּהָלָה אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרֵייעֶן, "אוֹי וֶוי!". ר' חַיִּים שָׂרָה'ס הָאט זִיךְ עֶרְוֶועקְט פְלוּצְלִינְג מִיט גְרוֹיס פַּחַד פוּן דִי גֶעשְׁרֵייעֶן, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט, "קוּם שְׁנֶעל, קוּם אַרוֹיס מִיט מִיר אִינְדְרוֹיסְן!", זֵיי זֶענֶען אַרוֹיס אִינְדְרוֹיסְן, דִי הוֹיז וואו זֵיי זֶענֶען אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען אִיז גֶעוֶוען גְלַייךְ בַּיים אָנְהוֹיבּ פוּנֶעם וַואלְד, דֶער רֶבִּי אִיז אַרַיינְגֶעלָאפְן אִינְמִיטְן דִי נַאכְט אִינֶעם טוּנְקֶעלְן וַואלְד, אוּן אִיז אַרוּמְגֶעלָאפְן דָארְט אַהִין אוּן צוּרִיק.

ר' חַיִּים שָׂרָה'ס אִיז גֶעבְּלִיבְּן שְׁטֵיין פוּן דֶערְוַוייטְנְס מִיט גְרוֹיס שְׁרֶעק אוּן צִיטֶער, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס צוּ טְרַאכְטְן, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין אַנוּנְג וָואס דָא גֵייט פָאר. אוּן פְלוּצְלִינְג לוֹיפְט דֶער רֶבִּי צוּ צוּ אִים אוּן זָאגְט, "מַיין זֵיידֶע, דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע, אִיז גֶעוֶוען בֵּיי מִיר, עֶר אִיז נִישְׁט מַסְכִּים צוּם שִׁידוּךְ פוּן חַיִּים פֵייעֶס מִיט זַיין אֵיינִיקְל, אוּן דֶערִיבֶּער וִויל עֶר אִים הַרְגְ'עֶנֶען. אִיךְ הָאבּ אָבֶער רַחֲמָנוּת אוֹיף דֶעם חָתָן, דֶערִיבֶּער הָאט אִיךְ גֶעבֶּעטְן פוּן מַיין זֵיידֶע אַז עֶר זָאל אִים לָאזְן לֶעבְּן, אָבֶער זֵיי וֶועלְן נִישְׁט הָאבְּן קֵיין קִינְדֶער, אוּן מְמֵילָא וֶועט זִיךְ דֶער שִׁידוּךְ נִישְׁט הַאלְטְן, אוּן זֵיי וֶועלְן זִיךְ גֶט'ן".

דֶער רֶבִּי הָאט שְׁפֶּעטֶער דֶערְצֵיילְט פַאר ר' חַיִּים שָׂרָה'ס אַז דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע הָאט אִים שׁוֹין גֶעהַאט אַוֶועקְגֶענוּמֶען זַיינֶע יָארְן, אוּן עֶר הָאט אִים גֶעמוּזְט גֶעבְּן אַנְדֶערֶע יָארְן.

שְׁפֶּעטֶער הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעגֶעבְּן פַאר חַיִּים פֵייעֶס אַ צֶעטְל מִיט עֲבוֹדוֹת אוּן סִיגוּפִים, אוּן אִים גֶעזָאגְט אַז אוֹיבּ וֶועט עֶר עֶס מְקַיֵּים זַיין, וֶועט עֶר בַּאקוּמֶען מַמָּשׁ אַ נֵייעֶם כָּשֵׁר'ן גוּף. עֶס אִיז אִים אָבֶער גֶעוֶוען צוּ שְׁוֶוער דָאס צוּ טוּן, אוּן עֶר הָאט עֶס לְמַעֲשֶׂה נִישְׁט גֶעטוּן. אַזוֹי וִוי דִי טָאכְטֶער פוּן ר' חַיִּים שָׂרָה'ס, חַיָּה לֵאָה, אִיז גֶעוֶוען דִי וַוייבּ פוּן ר' צְבִי אַרְיֵ' זַ"ל, דֶער זוּן פוּנֶעם בְּרֶסְלֶב'עֶר רָב, אוּן שְׁפֶּעטֶער הָאט עֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען דִי רַבָּנוּת פוּן זַיין טַאטֶע, אוּן עֶר הָאט גֶעהֶערְט דִי מַעֲשֶׂה פוּן זַיין שְׁוֶוער, דֶערִיבֶּער הָאט עֶר גֶעאַרְבֶּעט אוֹיף דֶעם אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ גֶט'ן. לְמַעֲשֶׂה הָאבְּן זֵיי טַאקֶע נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין קִינְדֶער, אוּן אוֹיךְ הָאבְּן זֵיי נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין שָׁלוֹם בַּיִת, אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶע'גֶט.

פָּארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# הערליכע זומער אין שטעטל

גאר א הערליכע זומער איז געשלאסן געווארן אין די טעג אין קרית ברסלב ליבערטי, ווען מיר האבן געהאט די זכי' אז דער ראש ישיבה שליט"א איז געווען אין שטעטל פאר'ן גאנצן זומער אינאיינעם מיט די ישיבה.

דאס יאר זענען די בחורים געווען אין מחנה "אילן החיים", וואו דער ראש ישיבה שליט"א האט געלערנט און פארברענגט מיט די בחורים, און די טעגליכע שיעורים זענען געווען אויך נאר פאר די בחורים, און דער ראש ישיבה שליט"א האט געפירט די הערליכע שבתים אינעם גרויסן האשקי שול.

דער זומער איז גאנץ שנעל דורכגעלאפן, אבער די תורה ותפלה, אמונה ויראת שמים, וואס מען האט זיך אנגעזאפט אין דעם זומער, וועט פארבלייבן אין די ביינער פאר א לאנגע צייט; די ריינע לופט צווישן די גראז און ביימער וואו מען זעט נאר דעם אייבערשטן אליין, באגלייט מיט די שיעורים פונעם ראש ישיבה שליט"א, מיט די שמועסן צווישן די טייערע חברים וואס מען איז מחזק איינער דעם צווייטן אז עס איז נישטא קיין אנדערע לעזונג אויף דער וועלט אויף קיין שום זאך, נאר זיך צו טרעפן א שטילע פלאץ און זיך אויסשמועסן דאס הארץ מיט'ן אייבערשטן אזוי ווי מען רעדט זיך אויס צו א גוטער חבר אדער צו אן ערליכן טעראפיסט; דאס נעמט אראפ אלע שטיינער פון הארץ, דאס היילט אויס אלע פראבלעמען, און מען דארף שוין נישט צוקומען צו קיין שום מענטש.

דער ראש ישיבה שליט"א האט געשריבן אינעם טעגליכן בריוו די וואך מאנטאג; "אודה ה', איך דאנק דעם אייבערשטן פאר די הערליכע זומער וואס מיר האבן פארברענגט אין קרית ברסלב, אזא שיינע זומער מיט אנשי שלומינו האב איך נאכנישט געהאט, יעדע מינוט האב איך זיך מחי' געווען. די שטעטל איז אזא שיינע פלאץ, מען שפירט דא אויר הזך והנח, א לויטערקייט, איך האב אזוי געוואלט שוין דא בלייבן וואוינען מיט אנשי שלומינו, איך האב שוין אזוי ארויסגעקוקט אז יעצט נאכן זומער וועל איך שוין בלייבן דא.

יעדע פרט פון די שטעטל איז הערליך שיין, אנגעהויבן מיט די חדר; די ריינע אמונה וואס די מלמדים לייגן אריין אין די קינדער, און די ליבשאפט וואס די גאנצע שטאב געבט פאר יעדן איינציגסטן קינד, און די בית פיגא; פול מיט הארץ, פול מיט ווארעמקייט, אזוי ווי א מאמע געבט פאר די קינדער. די ישיבה, די כולל, די אינגעלייט, בעלי בתים מיט אזויפיל יראת שמים וכו' וכו', וואס מען קען נישט אלץ אויסרעכענען אויפן פאפיר."

יעצט גרייטן מיר זיך צו פארן צום הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה, אזוי ווי ער האט געבעטן און פארלאנגט, און מיר ווען אויס'פועל'ן א זיס ליכטיג יאר.

## סימן טוב ומזל טוב

הרה"ג **אלכסנדר משה טייטלבוים** שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד "היכל הקודש" פרעמישלאן, קרית יואל
צו די שידוך שליסן פון זיין זון
החתן **צבי אלימלך** הי"ו עב"ג למזל טוב

***

מו"ה **ברוך עזריאל לעווי** הי"ו קרית יואל
צו די שמחת החתונה פון זיין טאכטער עב"ג למז"ט

***

מו"ה **נפתלי יאקאבאוויטש** הי"ו
צו די שידוך שליסן פון זיין זון
החתן **משה יצחק** הי"ו עב"ג למזל טוב

***

מו"ה **יוסף סאמעט** הי"ו בית שמש
צו די שמחת בר מצוה פון זיין זון
הבחור **אהרן סאמעט** נ"י למזל טוב

***

מו"ה **יואל לעווי** הי"ו וויליאמסבורג
צו די אפשערן פון זיין זון יצחק נ"י למזל טוב


## די ווייב

הער אויס דיין ווייב, שמועס מיט דיין ווייב,
פארברענגט מיט דיין ווייב, זוך נישט
אוועקצולויפן א גאנצע צייט פון איר

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 1, 10, 2, 89**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב,
קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים,
סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך;
דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; פערזענליכע מעשיות; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; פערזענליכע מעשיות; רעסעפיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

< BreslevCenter.com >